בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת ויק"פ

גליון קלט שנה ד

מהכוונת
יו"ר מכון מחשבת החינך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א



# "כתר יתנו לך ה' אלוקינו"

די וועלט שטייט היינט אין א מצב וואס ער איז מסתמא נאך קיינמאל נישט געשטאנען, א קליינע ווירוס דרייט איבער די גאנצע וועלט, די גרעסטע און די שטערקסטע ממלכות שטייען דערשראקן און ווייסן נישט וואס צו טוהן מיט זיך, און געבן זיך נישט א עצה מיט דעם קליינעם ווירוס וואס פארשפרייט זיך פון איינעם צום אנדערן אן קיין שום דרך ארץ צו די גרויסע און שטארקע לענדער, צו די שטערקסטע עקאנאמיס פון די וועלט, און אן קיין שום רעספעקט צו די גבירים און מושלים פון די שטערקסטע לענדער אין די וועלט.

יעדער איינער איז באשעפטיגט ווי אזוי ער קען זיך ראטעווען און פראבירט זיך צו היטן און שיצען פון איין זייט און בלייבן אין די נארמאלקייט פון די אדערע זייט, ארויס גיין צווישן מענטשן און בלייבן אליין, זיין נאנט מיט זיינע נאנטע אבער זיך האלטן ווייט פון זיי אין די זעלבע צייט, אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי.

ווי אזוי בארוהיגט מען א גוי אין דעם מצב? דאס איז א שווערע שאלה וואס איך גלייב נישט אז ס'איז דא א תירוץ אויף דעם, ווייל אויב די שטערקסטע און די קלוגסטע מענטשן וואס ער קוקט ארויף אויף זיי שטייען דערשראקן, איז וואס וועט טוהן דער פשוט'ער מענטש וואס האט זיך זיין גאנצע לעבן פארלאזט אויף זיי, זיי האבן טאקע א פראבלעם.

און וואס טוהט א יוד אין דעם מצב? קען איך מיך יא האלטן רוהיג אז ס'וועט מיר גארנישט געשעהן? ווי אזוי קען איך זיין רוהיג? וואס וועט מיר בארוהיגן מער פון דעם גוי? מיט וואס בין איך מער אפ געהיטן פון אים?

*

ס'איז דא צוויי וועגן ווי אזוי דער אייבישטער רעדט צו כלל ישראל, איין וועג איז דורך די תורה דער אייבישטער האט אונז געגעבן די תורה און דורך די תורה זאגט אונז וואס איז רצון ה', די צווייטע וועג וואס דער אייבישטער רעדט צו אונז איז דורך די מציאות, דער אייבישטער באשאפט א מציאות און דורך דעם זאגט ער אונז וואס ער וויל פון אונז יעצט.

צום הייליגן חפץ חיים איז מאל אריין א סוחר וואס איז געקומען צו פארן פון כינע, דער חפץ חיים האט אים אויסגעפרעגט ווי אזוי ס'גייט דארט די לעבן און וואס איז די לעצטע נייעס וואס ער האט געהערט ווען ער איז פון דארט אוועק געפאהרן.

פאר איך בין אוועק געפארן - האט ער דערציילט - איז געווען די שטארקע מאנסאן רעגן וואס קומע יעדע יאהר אין די צייט, אבער די רעגן איז געווען אזוי שטארק אז דאס האט צובראכן א מויער וואס איז געווען אויף די טייך און די וואסער האט איבער געשווענקט אסאך דערפלעך און הונדערט טויזנט מענטשן זענען דערטראנקען געווארן.

דער חפץ חיים איז געווארן זייער דערשראקן פון דעם, און אנגעהויבן צו קרעכצען אז מ'מוז תשובה טוהן.

רבי - האט דער יוד געפרעגט - ס'איז דאך נאר גויים, גויים וואס קענען נישט ליינען און שרייבן, גויים וואס ווייסן נישט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, איז וואס איז אזוי וויכטיג וואס ס'איז מיט זיי געשעהן?

ביסט געווען אמאל איןווארשא? - האט אים דער חפץ חיים געפרעגט.

ווארשא איז א שטאט מיט זייער אסאך גויים, אבער אויב דו קומסט אין ווארשא און די זעהסט איינער שטייט אין הויפט גאס און געבט א דרשה אויף יידיש, צו וועמען רעדט ער? - פרעגט אים דער חפץ חיים.

פארשטייט זיך אז צו די יידן וואס וואוינען אין ווארשא - ענטפערט דער יוד.

אבער ס'איז דאך דא אין ווארשא מער גויים פון יידן איז אפשר רעדט ער צו זיי - פרעגט דער חפץ חיים.

אויב ער רעדט יידיש איז פשט אז ער רעדט צו די יידן ווייל נאר זיי פארשטיין דעם שפראך - האט ער

## דבר העורך



משה רבינו רופט צוזאם כלל ישראל און לערנט זיי אויס ווי אזוי צו בויען א משכן, און משה רבינו פירט אויס זיינע רייד מיט די ווערטער: "ראו קרא ה' בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה וימלא אותו רוח אלוקים בחכמה וגו'" – זעהטס ווי דער אייבישטער האט אויסגעוועלט בצלאל צו זיין דער וואס וועט פירן די גאנצע זאך פון אויף צו בויען דעם משכן.

לכאורה איז שווער דער לשון "ראו" – זעהטס ווי האבן זיי געזעהן אז דער אייבישטער האט אויסגעוועלט בצלאל? משה האט דאס זיי דערציילט, האט משה געקענט זאגן דער אייבישטער האט געהייסן בצלאל זאל זיין, אבער פון דא פארשטייט מען אז משה האט זיי געזאגט איהר זעהט דאך אז דער אייבישטער האט אים אויס געוועלט ווי האבן זיי דאס געזעהן?

נאר ס'שטייט אין ספה"ק אז יעדער מענטש פאר ער קומט אראפ אויפ'ן וועלט באקומט א תפקיד וואס ער מוז אויס פירן דא אויפ'ן וועלט, און לויט זיין תפקיד באקומט ער אויך די כלים וואס ער דארף האבן כדי דאס אויס צו פירן.

אזוי ווי א לעקטריקער וועט נישט קומען צו זיין ארבעט מיט כלים וואס געהערט פאר א שניידער, און אזוי ווי א שניידער וועט נישט קומען מיט ארבעט כלים פון א סטאלער, אזוי באקומט נישט א מענטש כלים וואס ער דארף נישט האבן פאר זיין תיקון אויף דער וועלט, קיינער באקומט נישט כשרונות וואס ער דארף דאס נישט האבן פאר זיין תפקיד אויף דער וועלט.

דאס הייסט אז דער תירוץ שטייט שוין אין דעם פסוק אליין משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל "ראו" איהר זעהט אז דער אייבישטער האט אים אויס געוועלט צו דעם, ווי אזוי זעהט איהר "וימלא אותו רוח אלוקים בחכמה ובדעת" פון דעם וואס איהר זעהט אז בצלאל פארשטייט אין די זאכן און ער האט די ריכטיגע חכמה ווי אזוי אויף צו בויען יעדע כלי אין דעם משכן, פון דעם וואס איהר זעהט אז ער האט באקומען די כשרונות און די פארשטאנד צו דעם מער וואס אנדערע האבן באקומען, דאס איז די גרעסטע סימן אז ער איז געווארן אויסגעוועלט צו דעם.

ווייל אויב א מענטש באקומט כשרונות פון דעם אייבישטער האט ער דאס נישט באקומען סתם פאר א מתנה ער זאל זיך שפילן מיט דעם, פון הימל טיילט מען נישט סתם מתנות, פון הימל באקומט יעדער איינער א תפקיד וואס ער האט צו טוהן דא אויף די וועלט און לויט דעם שטעלט מען אים צו די כשרונות וואס ער דארף האבן כדי אויס צו פירן זיין תפקיד דא אויפ'ן וועלט, קיינער באקומט נישט סתם כשרונות אויב מ'האט באקומען כשרונות הייסט אז מ'ווארט פון אונז צו טוהן מיט דעם וואס מ'דארף צו טוהן.

**א גוטן שבת**

געענטפערט.

דא איז די זעלבע - האט אים דער חפץ חיים ערקלערט - אויב ס'געשעהט עפעס אויף די וועלט, רעדט דאס צו אונז יידן, דער אייבישטער רעדט צו די וואס פארשטיין דעם שפראך, און ווער נאך פארשטייט דעם שפראך אויב נישט אונז יידן.

דער חידושי הרי"ם שרייבט אז אין יעדע מצב וואס א מענטש געפינט זיך מוז ער זיך פרעגן די שאלה "ועתה ישראל מה ה' אלוקיך דורש מעמך" "ועתה" - יעצט, וואס וויל דער אייבישטער יעצט וואס איז מיין תפקיד אין די יעצטיגע מצב.

דאס הייסט אויב אזוי אז די שאלה איז נישט ווי אזוי לעב איך איבער דעם מצב אן קיין שאדן'ס, נאר די שאלה איז וואס וויל מיר דער אייבישטער זאגן דא יעצט? וואס מוז איך יעצט טוהן? וואס איז די מעסידש וואס ער שיקט מיר דא?

*

די תורה דערציילט אונז אין פרשת בראשית אויף דעם דור הפלגה וואס האבן געוואלט בויען א גרויסע טורעם, דער אייבישטער האט זיי געשטראפט און צומישט זייער שפראך און דורך דעם זיי צושפרייט אויף די גאנצע וועלט, רש"י ברענגט אראפ א מדרש אז זיי האבן געמאכט א חשבון אז איינמאל אין טויזנט פינף הונדערט יאהר פאלט אראפ די הימל און ס'ווערט א מבול און זיי האבן געוואלט אונטער שטיצן דעם הימל ער זאל נישט אראפ פאלן.

לכאורה איז זייער שווער צו פארשטיין, וואס איז דא געווען אויב אזוי זייערע גרויסע עבירה? אויב לויט זייערע שכל האבן זיי פארשטאנען אז די הימל גייט פאלן האבן זיי דאך געמאכט וואס זיי קענען זיך צו ראטעווען, איז פארוואס זענען זיי געשטראפט געווארן?

נאר דער תירוץ איז אז זיי האבן זיך גארנישט געוואלט פארלאזן אויפ'ן אייבישטער, זיי האבן געוואלט אלעס קענען און אלעס ערלעדיגן אליין, זיי האבן געגלייבט אז דער מענטש קען זיך אליין א עצה געבן, מיר זענען גענוג קלוג און מיר האבן גענוג וויסנשאפט און כח אליין זיך א עצה צו געבן און מיר דארפן נישט הילף פון אויבן - האבן זיי געטענה'ט, דער הימל איז שוואך? אונז וועלן זיך א עצה געבן, אונז וועלן דאס שטארק מאכן, און דא איז געווען זייער גרויסע עבירה פון די כפירה.

אונזער דור איז אין א ענדליכע מצב פון דער דור הפלגה, די טעכנאלאגיע איז אין די שטערקסטע מצב וואס ס'איז שייך, אלעס פארשטייט מען און אלעס ווייסט מען, און צו יעדע זאך קען מען אנקומען אפילו צו די לבנה, ס'איז נישטא אזאך וואס כינע קען נישט צו שטעלן אלעס ווערט פארברעצירט אין זייערע ריזיגע פארבריקן (אויך קראנקייטן) ס'איז נאך נישט געווען א לאנד וואס האלט אין זיינע הענט אזוי פיל כח, אין די אנדערע זייט פון די וועלט שטייט אמעריקע מיט די שטערקסטע מיליטער'ן און פירן אן די גאנצע וועלט.

די געפיהל אויף די וועלט איז געווען ביז יעצט אלעס איז אונטער קאנטראל, מיר האבן די כח אלעס צו מסדר צו זיין וואס ס'זאל נאר געשעהן וועלן מיר זיך א עצה געבן.

איז געקומען דער אייבישטער און געברענגט א קליינע ווירוס, זייער א קליינע זאך וואס מ'זעהט עס אפילו נישט מיט די אויגן, אויב ביי טיטוס האט דער אייבישטער געברענגט א קליינע יתוש, וואס מיט די צייט איז ער געוואקסן ווי א פייגעל, דא האט דער אייבישטער געברענגט נאך א קלענערער בריה, א קליינע באקטעריע וואס האט איבער געדרייט און איינגענומען די גאנצע וועלט זייער שנעל, אן קיין שום באמבע און אן קיין שום טעכנאלאגיע, און לאמיר יעצט זעהן ווי זענט איהר גרויסע חכמים און שטארקע גיבורים.

דער אייבישטער האט אונז יעצט צו געברענגט צו א מצב אז מיר שטייען יעצט ביי די ריכטיגע נסיון פון אמונה, נישט אמונה פון זאגן "ברוך ה'" און אם ירצה ה'" נאר אמונה פון שפירן און לעבן און אונזערע אלע אברים אז "אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים" - מיר האבן זיך נישט אויף וועמען צו פארלאזן חוץ פון אויף דער אייבישטער אליין.

בנוהג שבעולם, ווען א מענטש באקומט א קראנקייט גייט ער צום דאקטער, נעמט א מעדיצין און מ'פארט ווייטער, חז"ל האבן דאס אביסל אנדערש אנגעקוקט און געזאגט "אם רואה אדם יסורים באים עליו יפשפש במעשיו" אויב דו באקומסט א קראנקייט וויל מען דיר דא אויף וועקן מ'מיינט דיר עפעס צו זאגן דער אייבישטער רעדט צו דיר, ער האט נישט געמיינט צו זאגן זאלסט גיין צום דאקטער און ווייטער לויפן, ער וויל עפעס פון דיר, אבער אונזער אב הרחמן ווארט מיט געדולט ביז יעדער וועט זיך אויף וועקן און פארשטיין וואס דער אייבישטער רעדט צו אים דורך די מציאות וואס ער שטעלט אים צו צו זיין לעבן.

אבער יעצט שטייען מיר שוין ממש פאר דעם ביאת הגואל דער אייבישטער ווארט נישט מער, דער אייבישטער שיקט יעצט א קראנקייט וואס מ'קען נישט גייט צום דאקטער, א קראנקייט וואס דער פריוואטע דאקטער קען אויך נישט העלפן, און די עסקנים אויך נישט, און אפילו נישט די גבירים, קיינער קען דיר נישט העלפן דו האסט נישט ווי צו אנטלויפן פונעם אייבישטער, דו מוזט אנקומען צו אים און נאר צו אים, דאס איז דער נסיון פון די אמונה וואס מיר שטייען דא פאר דעם און די יעצטיגע מינוט.

*

דער הייליגער רבי יחיאל פון אלכסנדר איז אמאל געווען אונטערוועגס מיט זיין זוהן דער הייליגער ישמח ישראל, ביי נאכט האבן זיי גענעכטיגט און א קליינע פארווארפענע דארף אינמיטן די וואלד.

אינמיטן די נאכט האט זיך דער רבי געפיהלט זייער שלעכט, ער האט גע'חלש'ט אפאר מאל, ס'איז נישט געווען א דאקטער אין די גאנצע געגנט און קיינער האט אים נישט געקענט ארויס העלפן, דער רבי איז געווען אין א גרויסע סכנה, און ער האט געשפירט אז ער שטייט שוין ממש ביים אוועק גיין פון די וועלט, ער איז געווען זייער צובראכן פון דעם און זיך שטארק צו וויינט.

אזוי ווי דער זוהן דער ישמח ישראל האט געזעהן זיין טאטע אזוי צובראכן האט ער דאס נישט געקענט צו קוקן און ער איז צו געגאנגען צום טאטע'ן און אויס גערופן:

טאטע איך שווער דיר אז דו וועסט איבער לעבן דעם מצב און זיין געזונט, דו קענסט זיין רוהיג.

ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער זיך טאקע בארוהיגט, און איינגעשלאפן.

דער ישמח ישראל האט פארלאזט דעם צימער, ארויס צום וואלד און זיך גענומען דאווענען און בעטן פאר זיין טאטע.

אינדערפרי איז דער רבי אויף געשטאנען מיט פרישע כוחות און מיט א שטארקייט, אזוי ווי ס'וואלט גארנישט געווען ביי נאכט.

ווי אזוי האסטו דיך דערוואגט - האט דער רבי געפרעגט זיין זוהן - זיך צו שווערן מיט אזא זיכערהייט אז איך וועל זיין געזונט? אויף וואס האסטו דיך פארלאזט?

איך האב מיך פארלאזט אויף דעם הייליגן רוזינער - האט דער ישמח ישראל געענטפערט.

דוד המלך זאגט אין תהילים "עד אנא תסתיר את פניך ממני עד אנא אשית עצות בנפשי" טייטש'ט אויף דעם דער הייליגער רוזינער "עד אנא תסתיר את פניך ממני" - דו ווייסט ווען איז דא א הסתרת פנים, ווען באדעקט זיך דער אייבישטער פון מיר, "עד אנא אשית עצות בנפשי" - ווען איך האב ביי מיר עצות, ווען איך האב אין מיר געדאנקען ווי אזוי מיך א עצה צו געבן, ווען איך געב פאר דער אייבישטער עצות וואס צו טוהן און ווי אזוי מיר צו העלפן זאגט דער אייבישטער דו קענסט?! דו האסט עצות?! געב דיך אליין א עצה. אבער ווען א יוד שפירט אז ער האט נישט א וועג, ווען א יוד שטייט און שרייט פארן אייבישטער איך בין פארלוירן, איך ווייס נישט וואס צו טוהן, נאר דו קענסט מיר העלפן, דעמאלס איז נישטא מער א הסתר פנים און דעמאלס קען ער אויספוילן אלעס וואס ער דארף.

ווען איך האב געזעהן נעכטן אז מיר זענען אין א מצב וואס מיר האבן נישט עצות, אין א מצב וואס מ'פארלאזט זיך נאר אויפ'ן אייבערשטער בין איך געווען זיכער אז דער טאטע וועט האבן א ישועה, אזוי ווי ס'איז טאקע געווען.

חז"ל האבן זייער מחשיב געווען דעם ענין פון מסמיך זיין גאולה לתפילה, צו דערמאנען די גאולה פון מצרים צו ענדיגן די ברכה פון גאל ישראל, און גלייך נאך דעם זיך שטעלן שמונה עשרה, וואס איז די גרויסע ענין פון דעם?

נאר כלל ישראל איז געשטאנען פאר'ן ים און געזעהן די ים פאר זיי און די מצריים אונטער זיי פון די זייטן די גרויסע שרעקליכע מדבר און זיי זענען געווען אינגאנצן פארלוירן, און אזוי פון דעם פארלוירענע מצב ווען ס'האט זיך געענדיגט ביי זיי אלע געדאנקען און אלע עצות און געוויסט אז חוץ דער אייבישטער קען זיי קיינער נישט העלפן איז זיי ארויס געקומען די גאולה.

ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען זאל ער ערשט מאכן די הקדמה און זעהן אז דער אייביטשער קען ארויס העלפן אויך ווען ס'זעהט אויס א פארלוירענע מצב אויך ווען "ס'איז נישטא וואס צו טוהן", און פון דעם געפיל זאל ער זיך שטעלן דאווענען צום אייבישטער און מסמיך זיין גאולה לתפילה און דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו "אלוקי אביו בעזרו".

*

שטייט פון צדיקים אז פאר משיח וועט קומען וועט זיין גרויסע נסיונות אין אמונה, און נאר ווער ס'וועט זיך שטארק האלטן וועט עס קענען איבער לעבן.

ווייל אמונה איז נישט נאר פשט אז אויב איך גלייב אז דער אייבישטער איז דא און ער פאסט אויף אויף מיר וועט ער מיר אויף פאסן, אמונה איז נישט נאר פשט אז אויב איך וועל זאגן "אם ירצה השם" וועט ער מיר העלפן און אויב נישט איז נישט, אמונה איז אויך נישט פשט אז אויב איך האב פארפאסט דעם באס הייסט אז ער גייט זיך איבער דרייען און איך בין געראטעוועט געווארן.

אמונה איז אויך ווען ס'גייט מיר נישט אזוי ווי איך וויל, אמונה איז אויך ווען ס'שטימט נישט מיט מיין פלאן און ס'געשעהט שפעטער נישט קיין שום נס, אמונה איז אויך ווען איך פארפאס דעם פליגער און זיי קומען אן בשלום און איך בלייב דאס פארפלאנטערט.

אמונה איז אסאך אסאך מער פון א משא ומתן, אמונה איז נישט א ביזנעס פון מיר מיט דער אייבישטער איך וועל דיר געבן שחרית און דו וועסט שיקן הצלחה, איך וועל צאלן א קטורת מיט א פארמעט און דו וועסט מיר געבן פרנסה, איך וועל גלייבן אז דו ביסט דא און דו וועסט מיר ראטעווען פון די מגיפה.

אויב דאס איז אמונה האב איך א גרויסע פראבלעם מיט יעדע זאך וואס ס'גייט מיר נישט אזוי ווי איך האב געפלאנט און איך האב אפילו געשריבן אויבן "בס"ד" און געזאגט "אי"ה", איז ווי אזוי האט ער מיר נישט געהאלפן.

אמונה איז אסאך א גרעסערע זאך פון דעם, אמונה איז א געפיל וואס פליסט אריבער אין די גאנצע מענטש, אמונה איז א וועג ווי אזוי איך לעב און ווי אזוי איך זעה און פארשטיי און טייטש מיין לעבן און די מציאות וואס איך זעה ארום מיר.

א מענטש קען זאגן א גאנצן טאג ברוך ה' און נישט האבן אמונה, א מענטש קען אויף שטיין אינדערפרי און דאווענען און ווייטער נישט האבן אמונה, אמונה איז נישט די פעולות וואס מ'טוהט, און נישט די ווערטער וואס מ'זאגט, אמונה איז די געפיהל וואס פארט ארום אין דעם מענטש וואס דורך דעם לעבט ער אדורך די זאכן וואס געשעהן ארום אים.

די גמרא דערציילט א מעשה אויף רבי עקיבא וואס איז געפארן אונטערוועגס און געהאט מיט זיך א פלאם פייער, א אייזל, און א אהן, ער האט געוואלט אריין גיין אין א דארף איבערנעכטיגן אבער קיינער האט אים נישט געוואלט אריין לאזן אין שטוב, איז ער געגאנגען שלאפן אין די וואלד.

ס'איז געקומען א ווינט און ס'האט אים פארלאשן די פייער, ס'איז געקומען א לייב און פארציקט זיין אייזל, ס'איז געקומען א קאץ און אויף געפרעסן זין האן,

און אויף יעדע זאך האט רבי עקיבא געזאגט אז אויב דער אייביטשער מאכט עס איז דאס זיכער לטובה.

אינמיטן די נאכט זענען געקומען רויבער'ס און אויסגערויבט די גאנצע דארף און רבי עקיבא איז געראטעוועט געווארן.

פרעגן די מפרשים מילא דעם אייזל האט ער נישט געקענט ראטעווען און די האן אויך נישט, אבער ווען די פייער האט זיך פארלאשן פארוואס האט ער דאס נישט צוריק אנגעצינדן? ער האט דאך געהאט שטיינער וואס מיט דעם האט ער אנגעצינן די ערשטע פייער?

נאר רבי עקיבא האט געלעבט מיט אמונה ער האט געזעהן אלעס דורך דעם בליק פון אמונה, און ווען ס'ווערט ביינאכט און מיין טאטע מאכט מיר צו די ליכט הייסט עס אז ער וויל איך זאל זיין אין טונקל און נישט אז איך זאל צוריק אנצינדן די ליכט, און וועגן דעם איז אים גאר נישט איינגעפאלן אן צו צינדן צוריק די פארלאשענע ליכט.

דאס הייסט לעבן מיט א בליק פון אמונה, לעבן מיט אמונה איז פשט אז אויב ס'איז דא עפעס געשעהן איז נישט פשט אז מיר האבן א פראבלעם ווי אזוי דאס אריבער צו גיין בשלום, די פשט איז אז מיר האבן דא באקומען א מעסידטש און א שליחות וואס מיר מוז'ן דא אדורך פירן, און מיר מוז'ן פראבירן צו פארשטיין וואס מ'רעדט דא צו אונז.

דער אייבישטער האט אונז היינט געשטעלט אין א מצב אז מיר האבן נישט קיין שום מעגליכקייט זיך צו פארלאזן אויף איינעם, די רפואה האט נישט א תשובה צו די ווירוס, די גרעסטע אין די שטערקסטע מדינות שטייען פארלוירן אינגאנצן און ווייסן נישט וואס צו טוהן.

דאס איז א שפראך וואס דער אייבישטער רעדט צו אונז, ער געבט אונז די געלעגנהייט זיך צו שטארקן מיט אמונה און צוריק צו געבן דעם קרוין - קורונה דעם "כתר מלוכה" צוריק פאר'ן אייבישטער מיט א קלארע אמונה אז ער פירט די וועלט, און ער האט עס געמאכט מיט א פונקטליכע פלאן פון ששת ימי בראשית אז יעצט בעקבתא דמשיחא אין די לעצטע מינוטן פאר די התגלות פון מלך המשיח וועט מען זיך שטארקן אין דעם נסיון פון אמונה און יעדער איינער וועט שטיין פאר זיך אליין (בבדידות) מיט די אייגענע נסיון אויב צו ווערן פארלוירען אוןווארטן אויף די חסדים פון די מדינות און די דאקטוירים, אדער זיך אונטער נעמען די מלכות פון דער אייבישטער מיט א גרויסע אויסרוף פון "כתר יתנו לך ה' אלוקינו".

*

ווי אזוי שטארקט מען זיך מיט אמונה? און ווי אזוי ברענגט עס א רוהיגקייט?

די אמונה איז אזוי ווי א מוסקעל וואס ס'ווערט נישט שטארק פון זיך אליין, נאך מ'דארף אריין לייגן אין דעם כוחות פון התבוננות און פון מחשבה כדי צו שטארקן די אמונה אין אונז, און ווען א מענטש איז זיך מתבונן אין ער טראכט אריין קומט ער צו די מסקנות אזוי ווי דער חובות הלבבות ברענגט:

א. ס'איז דא איין בורא און ער האט באשאפן די וועלט און ער פירט עס יעדע מינוט.

ב. דער באשעפער איז די שטערקסטע כח וואס ס'איז שייך מ'זאל האבן אויף די וועלט ווייל ער האט דאך באשאפן די אלע כוחות.

ג. דער באשעפער איז אויך דער קלוגסטער וואס פארשטייט די בעסטע וואס ס'איז גוט און ריכטיג פאר די וועלט.

ד. אונז זענען זיינע וויכטיגסטע און באליבסטע זאך וואס ער האט אויף די וועלט, "בני בכורי ישראל".

ה. די גרעסטע תענוג וואס דער אייבישטער האט איז צו הערן אונזערע תפילות און בקשות אזוי ווי א טאטע האט זייער ליב צו הערן די בקשות פון זיין אייניציגסטע באליבטע קינד.

ו. דאס וואס ער ברענגט אויף אונז שווערקייטן איז ווייל ער וויל אונז צו

ברענגען צו א מצב אז מיר זאל'ן דאווענען און בעטן און זיך דערנענטערן צו אים.

לויט די אלע מסקנות קומט אויס אז אויב א מענטש לייגט זיך ארויף אויף דער אייבערשטער און פארלאזט זיך אויף אים אז ער וועט זיך זארגן פאר אים און היטן אויף אים, קען ער גיין שלאפן רוהיג פונקט אזוי ווי א קליין קינד גייט שלאפן רוהיג ווייל ער ווייסט אז זיינע עלטערן זענען דא און זארגן זיך אז ס'זאל זיין פאר אים אלעס וואס ער דארף.

מיר זאגן אפאר מאל אין טאג די ברכה "אשר יצר את האדם בחכמה" - דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מיט א גרויסע חכמה, דער קערפער פון די מענטש איז געבויעט אויף אזא אופן וואס "אם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך אפילו שעה אחת" - ווען איין קליינע זאך אין אונזער קערפער וואס דארף זיין צו געמאכט וועט זיך עפענען אדער אזאך וואס דארף זיין אפען וועט זיך פארשטאפן, קען א מענטש נישט מער לעבן אויף דער וועלט.

די ברכה פון אשר יצר ענדיגט זיך מיט די ווערטער "ומפליא לעשות" - אז דער אייבערשטער מאכט וואונדערליכע זאכן, דאס מיינט אז דער קערפער פון דעם מענטש איז געבויעט אויף א אופן וואס אויב נישט דער אייבערשטער וואס שטייט און האלט עס צו יעדע מינוט אלעס זאל ריכטיג ארבעטן וואלט א מענטש נישט געקענט איין מינוט בלייבן געזונט אויף דער וועלט, דער קערפער פון דעם מענטש איז דער גרעסטער "פלא" וואס ס'איז דא אין די בריאה.

מיר גייען אריבער יעדן טאג אויף די ליסט און דאנקען אויף "פוקח עוורים" - אויף דעם וואס מיר קענען זעהן, האבן מיר דען א השגה ווי אזוי דאס ארבעט? וואס ליגט אין די אויג? ניין אבער מיר זענען רוהיג ווייל דער אייבערשטער איז דער פוקח עוורים און ער ווייסט וואס ס'טוהט זיך דארט אינעווייניג און ער מאכט וואס מ'דארף מאכן.

מיר זאגן שפעטער "זוקף כפופים" - מיר דאנקען אויף דעם וואס מיר קענען אויף שטייען און גיין, האבן מיר דען א השגה ווי אזוי די מאסלען ארבעטן? וואס איז די כח וואס מאכט עס גיין און ווי אזוי קען איך באוועגן אלע מיינע אברים? ניין! אבער איך פארלאז מיך אויף דער אייבערשטער וואס ער איז דער זוקף כפופים.

איז מיט אונזערע גאנצע לעבן וואס אונז האבן זענען מיר זייער רוהיג, מיט די אויגן וואס זעהן מיט די פיס וואס גייען מיט דער מאגן וואס מאכט זיין ארבעט און מיט די הארץ וואס קלאפט, מיר זענען אלע רוהיג אפילו מיר וויסן נישט פונקט ווי אזוי דאס פונקציאנירט, ווייל דער אייבערשטער ווייסט ווי אזוי און ער מאכט וואס מ'דארף, איז מה נשתנה די קורונה וואס איך פארלאז מיך נישט אויף אים? איז דאס שווערער פאר דער אייבערשטער פון צו מאכן אונזער הארץ קלאפן? קען ער זיך נישט א עצה געבן אן די הילף פון די דאקטוירים?!

איז דער אייבערשטער ווייסט ווי אזוי זיך א עצה צו געבן מיט די הארץ און מיט די קורונה, דער אייבערשטער האט באשאפן סיי אונזער הארץ און סיי די קורונה, ער האט עס געמאכט און ער האט עס געברענגט, און ער האט אויך די תשובה פאר דעם, אונזער תפקיד איז נאר צו שטיין אין דעם נסיון פון די אמונה און זיך פארלאזן אויף אים מיט א רוהיגקייט. (און דערצו מאכן די השתדלות ע"פ דרך הטבע וואס די דאקטוירים הייסן)

*

ס'איז אמאל געקומען א יוד צום הייליגן טשארטקובער בעטן א ישועה, און דער רבי האט אים געגעבן א ברכה ער זאל געהאלפן ווערן, נאך א קורצע צייט האט דער רבי געפרעגט די מקורבים אויב איינער האט געהערט אויב דער יוד האט געהאט א ישועה?

ניין - איז געווען די תשובה - ער איז נישט געהאלפן געווארן.

ס'איז נישט א וואונדער - האט א צווייטער צו געלייגט - ס'איז דאך למעלה מדרך הטבע דער יוד זאל האבן א ישועה אויף דעם עניין וואס ער האט געבעטן.

ווען דער יוד וואלט געהאט אמונה - האט זיי דער רבי געענטפערט - וואלט ער זיכער געפועלט א ישועה.

ווייל לכאורה איז זייער שווער צו פארשטיין, דעם דרך הטבע האט דער אייבערשטער באשאפן, למעלה מדרך הטבע איז דאך אויך אזאך וואס דער אייבערשטער טוהט, איז אלעס זאכן פון השי"ת איז ווי אזוי איז שייך אפ צו טיילן די מושגים פון דרך הטבע צו למעלה מדרך הטבע?

פון די אנדערע זייט זעהן מיר אז די גמרא זאגט ""אין סומכין על הנס" איז פשט אז דער דרך הטבע איז יא א שטארקע זאך, איז ווי אזוי גייט מען אויב אזוי צו צדיקים זאלן אויס בעטן ישועות?

נאר דער ענין איז - האט דער הייליגער טשארטקובער ערקלערט - אזוי ווי ווען א מענטש קומט לעבן א גרויסע קוואל וואסער און ער וויל טרינקען, ער קען נישט טרינקען אן ער וועט האבן א כלי ארויס צו נעמען א ביסל וואסער און טרינקען, אן א כלי וועט ער נישט קענען הנאה האבן פון די שפע פון די וואסער וואס ער האט פאר זיך, אזוי אויך ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט איז געווען זייער גרויסע השפעות און אורות, וואס די וועלט האט עס נישט געקענט פארטראגן, האט דער אייבערשטער באשאפן כלים וואס דורך דעם וועט מען קענען הנאה האבן פון דער וועלט און די כלים זענען דער דרך הטבע, די כללים וואס דער אייבערשטער האט אוועק געשטעלט פאר די וועלט ווי אזוי ער זאל זיך פירן.

אבער ווי גרויס זענען די כלים? איז דאס א גלאז אדער א גלעזל אדער אפשר א קריגל? דאס ווענט זיך אין דעם מענטש אליין און דאס איז ביי יעדער מענטש אנדערש, לויט ווי גרויס די אמונה פון דעם מענטש איז אזוי גרויס איז די כלי וואס ער באקומט הנאה צו האבן פון די וועלט.

דאס הייסט אז ס'קען זיין א זאך וואס ביי איין מענטש איז דאס למעלה מדרך הטבע ווייל לויט די כלי וואס ער האט און לויט זיין אמונה איז דא צו גרויס פאר אים, אבער ביי א צווייטער מענטש איז דאס א נארמאלע נאטירליכע זאך, ווייל זיין אמונה איז אזוי שטארק אז ער האט באקומען א גרעסערע כלי און גרעסערע השפעות פונעם אייבערשטער וממילא קען ער אויספוילן גרעסערע ישועות.

דאס הייסט אז די שליסל צו אלע ישועות געפינען זיך ביי דער מענטש אין די האנט און ווען דער מענטש טראכט אריין אין די נקודות פון די אמונה און ער שטאקט זיך אין דעם קען ער אויס פוילן אלעס וואס ער דארף און געראטעוועט פון יעדע שוועריגקייט וואס ס'קומט פאר אויף די וועלט.

השי"ת זאל טאקע העלפן מיר זאלן זיך קענען מחזק זיין אין די אמונה מיט די גאנצע הארץ און דורך דעם געהיטן ווערן פון אלע קורונה'ס למינהם און זוכה זיין צו "ויתנו לך כתר מלוכה" בביאת גוא"צ במהרה בימינו אמן.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD. N16 6DW